STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02694

SHEYNDL

Isaac Wolf Biderman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שיינדל

1896—1935

שיינדל —

זאָל דאָס ביכעלע לידער,
מיט מיין צער דורכגעדרונגען —
זיין אַ נר תמיד,
אויף אייביק צו באַלויכטן דיין גוטן נאָמען.

— איטשע.

אויפשריפט אויף דיין מצבה

שיינדל:
דיינע ניין און דרייסיג יאָר: —
זיינען ניין און דרייסיק אויסגעדיכטעטע לידער, —
נאָך דיר פאַרבליבן...

דו האָסט זיי אויסגעקריצט ווי אויף אַ מצבה
אין די הערצער פון דיינע פריינט;
וועלען מיר זיי, קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
און מיט ליבע, שטענדיג טראַכטן — וועגן דיין לעבן.

בין השמשות

טראָפנס בלוט פון מיין האַרץ,
אויף דיין קבר — טריפן.

I.

אין בין השמשות שפרייט אוים דער הימל צעשמאָלצן גאָלד,
ביי די ראַנדן פון דער ערד.
ביימער מיט צעשויבערטע קעפ, טוליען זיך טרויעריקע —
און שווייגן.
אַ בערגל אויף אַ פרישן קבר,
שניידט מיט שרעק זיך טיף אין דער נאַכט אריין.
אַ ווינטל האַלט דעם אָטעם איין —
און וואַרט —
און איך זיץ ביים פענצטער, קוק אויף אַלץ אזוי—און טראַכט:
ווי פילסטו אין דיין קבר, —
אַליין, די ערשטע נאַכט?

II.

פאַלט דער טרויער אויף מיר,
וועבט מיך אין זיין טונקעלן געוועב אריין.
איך האָב קיינמאָל נישט געפילט אַ טרויער אַזאַ —
אַ טרויער, ווי איצט,
ווען דו ביסט שוין מער נישטאָ.
איך וואָלט געוואָלט איצט זיין דאָס פאַלנדיקע גאָלד —
אויף די ראַנדן פון דער ערד,
איך וואָלט געוואָלט איצט זיין דער בוים, וואָס דער טאָג
האָט מיט זיין לעצטן בליק —
אויף אים אַ בליאַסק געטאָן...
איך וואָלט געוואָלט איצט זיין: —
דאָס בערגל ערד, וואָס דעקט דיך צו.

טרערן

פאַרוואָס וויינען היינט, אַזוי שטאַרק, די ווייַנענדיקע ווערבעס?
פאַרוואָס איז דער הימל היינט, אַזוי פאַרצאָרנט, שוואַרץ?
עס איז אַ שטערן פון הימל אַראָפּגעפאַלן,
און אויסגעלאָשן זיך, אין בלוט פון מיין באַטריבט האַרץ.

וויינען היינט אַזוי, די ווייַנענדיקע ווערבעס,
איז דער הימל היינט אַזוי פאַרצאָרנט און שוואַרץ:
עס וועט שוין קיינמאָל מער נישט שיינען יענער שטערן...
עס וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרהיילן מיין פאַרוואונדעט האַרץ!

ווין איך מיט...

דיין האַרץ פון לויטער גוטס —
האָסטו צעשפּליטערט אין טויזנטער ברילאַנטן, —
און עס דיינע פרײנט צעשאָנקן.
און אַוועק ביסטו דעם אייביקן וועג
איינזאַם און אָפּגעריסן פון אַלעמען.
אין אַגאַנישן געראַנגל מיט לעצטע רעגעס —
איז קיינער לעבן דיר נישט געווען
אויף וועמענס טרייסט דו וואָלסט זיך אפשר לענגער —
אָנגעשפּאַרט !
ס'איז קיינער נישט געווען צו פילן דיין לעצטן האַנט-דרוק,
צו הערן די לעצטע רייד,
דעם לעצטן זיי-געזונט פון לעצטן, יונגן צעשייד,
צו פאַרנעמען דעם לעצטן צווייפל פון דיין לעצטן שטומען בליק!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרוואָס האָט דיך דאָס לעבן אַזוי באַ'עולה'ט און אָפּגענאַרט ?
עס וויינען דיינע יונגע יאָרן
דורך די נעכט — פאַר מיר,
ווי יונגע אַבלים שטייען זיי פאַר מיין פענצטער
און פרעגן :
פאַרוואָס ?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

יונגע יאָרן,
מיינע יאָרן וויינען מיט — מיט אייך.

אַ חלום

קיינער ווייסט נישט ווי איך פיל,
קיינער ווייסט נישט וואָס איך טראַכט:
איך האָב געהאַט אַ גוטן חלום,
אין אַ שיינער זומער־נאַכט!

איך האָב געהאַט אַ גוטן חלום,
איז ער מיטן בליק — צערונען:
קרישטאָלענע פּאַלאַצן־מיינע,
איר זענט פּלוצים מיר אַנטרונען!

ווייס איך איצט שוין, אַז אַ חלום,
קען אויף אייביק זיך ניט ציען:
אויב אַ חלום בלויז, איז דאָס לעבן,
צו וואָס־זשע איז דאָס גאַנצע מיען?...

קיינער ווייסט נישט ווי איך פיל,
קיינער ווייסט נישט וואָס איך טראַכט:
איך האָב געהאַט אַ גוטן חלום,
אין אַ שיינער זומער־נאַכט!...

שטיל לעבן

דו ביסט אַוועק
און געלאָזט האָסטו —
שטיל לעבן:
אַ טישעלע,
אַ זייגערל,
בילדער אויף די ווענט,
און קישעלעך
אויסגענייט מיט דיינע —
ליבע הענט.
און קומט אָן די נאַכט,
איך בלייב אַליין מיט מיין —
טרויער,
זע איך אַ בערגל ערד
באַשיינט פון אַ זילבערנער —
לבנה.
קוק איך אויפן בערגל ערד,
אויפן טישעלע,
אויפן זייגערל,
אויף די בילדער אויף די ווענט,
אויף די קישעלעך
אויסגענייט מיט דיינע —
ליבע הענט...
און אויף זיך אַליין —
דערנעבן:
שטיל-לעבן...
שטיל-לעבן...

מיר פלעגן אַלע וועגן גיין ביינאַנד

מיר פלעגן אַלע וועגן גיין ביינאַנד,
דעם לעצטן וועג — ביסטו אַוועק אַליין;
איך האָב נאָך מיטן לעבן חשבונות אויסצוגלייכן,
און וועל סוף כל סוף, אויך קומען צוגיין.

און ווי אומעטיק עס איז מיר איצט,
אין האַלבן טאָג, צו וואַנדערן אַליין,
ווייס: די נאַכט קומט אָן —
און איך,
צוזאַמען מיט דער זון —
וועל אונטערגיין...

דו ביסט געבליבן אין מיר

דו ביסט געבליבן אין מיר :—
און מיט דיינע ציטערנדיקע פינגער,
שפּילסטו, ווי אויף אַ האַרפע,
אונדזער ביידנס טרויער —
פון מיין האַרץ־אַרויס...
איך זיץ אַזוי, און הער זיך צו
מיט פאַרמאַכטע אויגן —
צו מיין שווערן צער
וואָס קלינגט אין מיר :
ווי שאָפּען׳ס לויה ליד...
איך וויים :
כ׳וועל שוין אייביק אַזוי וואַרטן —
אויף דעם, וואָס קען נישט קומען שוין צוריק.

מיינע טעג און מיינע נעכט

אָנגעזאַפּט מיט טרויער —
גיי איך אין די גאַסן.
פרייד זיך טראָגט פון אַלע שטיבער —
אויף אַלע פענצטער שפּילן זיך בונטן גאָלד —
פון הימל,
נאָר אויף מיר קוקט די זון: —
אַ פייערדיקע שפּיז,
וואָס שטעכט זיך טיף אַריין —
אין מיין געקרייציקט-לייב...
און וואו ביסטו איצט?...
דו, וואָס וואָלט געקענט מיך אויסלייזן
פון דעם פיין דעם טעגלעכן?
אין די נעכט, בלויז זע איך דיך.
אין די נעכט די ליכטיקע,
דורכ'ן זילבערנעם אָפּשיין —
פון דער לבנה,
באַווייזטו זיך פאַר מיר.
ביסט דורכזיכטיק, ווי פון זילבערנע שטראַלן —
אויסגעוועבט...
איך שטרעק אוים מיין האַנט,
— פאַר דיר אַ אָנלען! —

מיר ווייזט זיך אוים
אַז פון דיין ליכטיקן אָפּשיין —
צעגייט מיין האַנט ווי וואַקס...
דער אַרבל בלייבט ליגן אַן אויסגעהוילטער, —
לעבן מיר,
אויף אים : דיין קאָפּ — — — —
אַזוי לייכט...
אַזוי גרינג...
ווי אונדזער געוועזן לעבן...
מיט אויגן פאַרטראַכטע קוקסטו אויף מיר,
מיט אויגן פאַרנעפּלטע, באַוויינסטו מיך...
האָגלען אויף מיר דיינע פערל־טרערן,
וואַשן זיי דיינע פערל־טרער
מיין האַרץ ;
אויף לויטער־אוים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

...און ווען די נאַכט פאַרשווינדט
פאַרשווינדסטו אויך,
קוקט ווידער אויף מיר די זון :—
אַ פייערדיקע שפּיז,
וואָס שטעכט זיך טיף אַריין ——
אין מיין געקרייציקט־לייב.

מיינע ווייסע טויבן.

דו האָסט אַ ים מיט לידער אָנגעזאַמלט—
אין האַרץ ביי מיר,
און אַצינד
ביסטו אַוועק,
פליען זיי — דיינע לידער, —
ווי אַ סטייע ווייסע טויבן,
צוריק צו דיר...
אונמיט יעדן ליד-דיינס,
(מיינע ווייסע טויבן!)
וואָס רייסט אַרויס זיך איצט פון מיר,
רייסט זיך אָפּ אויך אַ שטיק —
פון מיין טויבן-שלאַק,
וואָס איז פאַרבליבן פון דיר:
מיין אויסגעלייטערט-האַרץ.

דו שלאָפסט

אין די טעג,
אַזוי פיל אַרבעט, —
דו שלאָפסט !

אין די נעכט,
אַזוי פיל ליבע, —
דו שלאָפסט !

טרינק איך זיך, אין אַ ים —
פון ווייטיק,
ווייל דו שלאָפסט !

גיי איך אוים, פון צער —
און בענקשאַפט,
ווייל דו שלאָפסט !...

אַ משכּון

עס ווייַנט אין מיר דאָס געוויין פֿון אַלע דורות,
איך זאָרג, אַלע מענטשנס זאָרגן!
כ׳וויים, ביסט נישט די ערשטע און נישט די לעצטע,
אפֿילו אַ גאָט, יעזוס, איז אויך געשטאָרבן...

אָבער דאָס איז נישט דער טרייסט, וואָס קען מיך טרייסטן,
דו ביסט געווען מיר נענטער ווי גאָט!
די ערד האָט צוגענומען פֿון מיר דאָס בעסטע פֿאַר אַ משכּון,
דאָס בעסטע, וואָס איך האָב ווען פֿאַרמאָגט...

ווייַנט אין מיר דאָס געוויין פֿון אַלע דורות,
זאָרג איך אַלע מענטשנס זאָרגן.
איך ווייס, דאָס וואָס איך האָב היינט פֿאַרלוירן,
קען שוין צוריק נישט ברענגען מיר דער מאָרגן...

שטאַרע אויגן

ווי אַ שיכור דעם לעצטן טראָפּן,
האָט פֿון מיר־דער שיקזאַל : —
די פֿרייד אויסגעזויגן !
איז אפשר גוט וואָס דו זעסט נישט,
וואָס פֿון מיר איז געוואָרן :
ווי איך קוק אויף אַלץ מיט שטאַרע אויגן !

פֿון נאָענט און פֿון ווייט קלינגען אין מיר דיינע טריט,
און יעדע דערינערונג, וואָס דערמאָנט אָן דיר,
ליגט ווי אַ שניט איבער מיין לייב צעצויגן !
און איך קוק אויף אַלץ מיט שטאַרע אויגן !

צו גאַסט

גערוען צו גאַסט. די אייביקע דירה דיינע געקומען אָנקוקן.
איך וויים — דו שלאָפסט. פאַרמאַכט פאַר מיר דיין טיר...
האָב איך טרערן פיל: (רויזן מיינע ווייסע!)
איבערגעלאָזט דאָרט-פאַר דיר.

איך האָב לאַנג באַטראַכט דעם געגנט.
באַטראַכט די שכינים אַרום דיר:
אַריינגעקוקט אין דער טיף, ס'איז פינצטער דאָרט...
עס קומט די ליכט נישט, דורך דיין טיר!

ווי, ווי! אַ לעבן לאַנג זיצן אין פאַבריק
איז פינצטער שוין גענוג!
איצט דאַרף דיר ליכטיק זיין, ליכטיק!
ליכטיק זיין אין גרוב!...

מיינע טעג פאַלן אָפּ ווי געלע בלעטער פון מיר

מיינע טעג פאַלן אָפּ, ווי געלע בלעטער, פון מיר,
האַרבסט, האָט אין מיין מיטן מאַי — פאַרבלאָנדזשעט!
דאָס לעבן האָט מיך נאַקעט אויסגעטאָן,
און מיין לייב אינגאַנצן — אויסגעבראַנדעט!

איך בין אַ העליש פייער דורכגעגאַנגען,
און וועל אַן אייביקער שוין גליען!
איך בין ווי אַ בוים, פון אַ דונער — דורכגעלעכערט,
אין מיטן פון זיין יונגן בליען.

וואו זיינען דאָ נאָך אַזעלכע מענטשן

וואו זיינען דאָ נאָך אַזעלכע מענטשן ?
פון וועלכע ספערן האָסטו זיך אויסגעשיילט ?
דיין צער פלעגסטו פאַרבאָרגן טיף ביי זיך אין הארצן,
דיין ביסל פרייד — מיט יעדן זיך געטיילט !

איצט, דו ביסט נישטאָ, איז צער צעוואָרפן אויף אַלע וועגן,
פרייד — אין פוסטע הערצער איינגעשלאָסן !
פוסט און לער איז אַצינד דאָס לעבן,
און ביזן דנאָ, מיט סם אָנגעגאָסן !...

נישטאָ אַזאַ פרייד

כ׳ווייס נישט, צו וועל איך קענען די יאָרן־די שווערע,
דערשלעפּן ביזן סוף!
צער און בענקשאַפט — צוויי שווערע בערג,
דריקן די אַקסל אַראָפּ.

און די צייט — זי איילט זיך,
זי באַפאַרבט אויף ווייס די האָר מיינע — און אַנטלויפט!
אַך, פריינט, נישטאָ אַזאַ פרייד אין לעבן,
וואָס זאָל איבערוועגן דעם צער פון טויט...

מאַמע טייערע

מיט גאַל זײנען צעמישט מײנע בידנע טראָפּנס גליק,
מיט פֿאַלשע רעצעפּטן נאַרט דאָס לעבן מיך אָפּ!
אַך, מאַמע טייערע, נעם דײן קינד אין די אָרעמס צוריק,
איך פֿאַל, מיך שלעפּט װער צום אָפּגרונט אַראָפּ!...

װער װײס, צי װעל איך נאָך מיט מײנע געשטרויכלטע פֿיס,
דערגײן צום װעג, װאָס כ'האָב זיך געצייכענט דערגײן!
אַך, מאַמע טייערע, נעם דײן קינד צוריק װי אַמאָל אויפֿן שויס,
עס װײנט אין מײן האַרץ אַזאַ ביטער געװײן!...

אונדזערע יאָרן

אונדזערע יאָרן — ציטערדיקע קרענקלעכע קינדער,
מיט שטענדיקן אַנגסט פאַר'ן מאָרגן:
— בלויע אָדערלעך אויף אויסגעצערט לייב!

אונזערע יאָרן — נישט דערקוילעטע ווייסע טויבן,
מיט העלדזער איינגעשניטענע:
— רויטע קאַרעלן אויף קלאָרן שניי!

אונדזערע יאָרן — ציטערנדיקע שיין פון לאַמטער,
פאַלנדיקע שנייעלעך אויף אָנגעגליטע שטיינער,
אָנגעצויגענע סטרונעס אויף אַ פידל!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אונדזערע יאָרן — אָנגעשטרענקטער פּרימיטיווער געהער...

שטיל ווי אַ ליכט

שטיל ווי אַ ליכט, גייט אוים דעם מענטשנס לעבן,
בלויז דער לעצטער פלאַם, שריים מיט ווייטיק —
אין דער וועלט אַריין!
עס ציט זיך לאַנגזאַם פון אונדז אַרוים דער לעצטער הויך,
צו בלייבן רוען, אין אַ וועלט —
פון אייביק זיין!

קיינער האָט נאָך נישט באַנומען דאָס געשריי פון לעצטן פלאַם,
און טרויעריק ווערט אַזוי און באַנג —
צו טראַכטן פון יענער רו!
דו לאַכסט, פרייסט זיך, עס פאַלט דיר גאָרנישט איין:
אַז אונטער דיר, גייט שוין אפשר נאָך —
דיין לעצטע שעה!...

פאַר מיינע אויגן שפּיצט זיך אויף אַ בערגל ערד

עס האָט אַ ים פון זאָרג אין זיין אינגעווייד מיך פאַרשלונגען.
איך טרינק זיך און ווייס נישט פון וואַנען די הילף וועט קומען!
אויף מיינע הימלען פלעגט די זון אַזוי ליכטיק שיינען,
איצט איז אַ פינצטערע כמאַרע אויפגעשוואומען!

עס פרייד מיך שוין נישט מער די זון אין ים פון גאָלד,
פאַר מיינע אויגן שפּיצט זיך אויף אַ בערגל-ערד!
און זאָל מיר איצט אַנטקעגן קומען דאָס גוטס פון אַלע וועלטן,
קען דאָס נישט פאַרדעקן מער, דעם שפּיץ פון בערגל-ערד...

נאָכשריפט אויף דיין מצבה

װעגן מיר? —
אַזוי בין איך:
דורך די נעכט, גייט דער שלאָף פאַרביי מיר —
און באַרירט מיך נישט.
אין די טעג, גיי איך אַ װאַכעדיקער — אַרום, װי אין אַ חלום.
איך פאַרטרינק מיין געמיט,
איך פאַרצער מיין גוף,
איך בין:
די מצבה, װאָס דערמאָנט — אָן דיר!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

סוף